**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 28 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער צו העלפן סטודענטן זיך גרייטן פאר קאלעדזש**

***גרענט פלאסטערט אויס וועג פאר נידעריגע-איינקונפט און מינאריטעט סטודענטן צו באקומען א העכערע בילדונג***

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט היינט אז ניו יארק סטעיט איז געשאנקען געווארן א 28 מיליאן דאלארדיגע, זיבן-יאריגע 'באקומען פריע באקאנטשאפט און גרייטקייט פאר בעטשעלאר דעגרי פראגראמען' ( Gaining Early Awareness and Readiness for Undergraduate Programs, GEAR UP) גרענט פון די פאראייניגטע שטאטן עדזשוקעישען דעפארטמענט צו פארמערן קאלעדזש און קאריערע גרייטקייט פאר מער פון 6,200 נידעריגע-איינקונפט ניו יארק סטעיט סטודענטן. דער GEAR UP פראגראם וועט העלפן ניו יארקע סטודענטן וועלכע גייען צו מיטעלע- און הויי-סקולס אין ארימערע פלעצער זיך צו גרייטן פאר – און מצליח זיין אין – קאלעדזש.

"מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו פארברייטערן גלייכע צוטריט צו העכערע בילדונג פאר אלע ניו יארקע סטודענטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן צושטעלן די מיטלען פאר סטודענטן פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט, עלימינירן מיר שטרויכלונגען אויפן וועג צו א העכערע בילדונג און מיר מאכן זיכער אז אלע ניו יארקער האבן די כלים וועלכע זענען נויטיג צו קענען בליהען. אוועקשטעלן אונזערע סטודענטן אויף א וועג צו הצלחה וועט העלפן זיי גיבן די גרעסטע איבערהאנט צו קענען קאנקורירן אין אונזער סטעיט, לאנד און ווייטער."

סטודענטן פון 7'טע קלאס ביז אזעלכע וועלכע זענען אין זייער ערשטע יאר אין קאלעדזש וועלן האבן צוטריט צו שטיצע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג פריוואטע לערער און הילף מיט היים ארבעט, אקאדעמישע ייעוץ, מענטארינגג, קאלעדזש און קאריערע קאונסעלינג, פינאנציעלע באקאנטשאפט, קאלעדזש טורס און זומער אקאדעמיעס זיי צו העלפן זיך איינשרייבן און מצליח זיין אין קאלעדזש. ניוי יארקס GEAR UP שטעלט אויך צו סערוויסעס פאר עלטערן און אויפציהער פון קינדער, און אזוי אויך פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פאר לערער, קאונסעלארס און אדמיניסטראטארן.

דאס איז די פערטע מאל אין א ציה וואס ניו יארק סטעיט באקומט די GEAR UP גרענט, זייענדיג איינס פון בלויז צוויי GEAR UP סטעיטס צו באקומען פינאנצירונג פון די פאראייניגטע שטאטן עדזשוקעישען דעפארטמענט אין 2022. ניו יארק'ס GEAR UP פראגראם וועט אנגעפירט ווערן דורך די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעישען (Higher Education Services Corporation) בשותפות מיט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY), סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY), קאמיסיע איבער אומאפהענגיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן ( Commission on Independent Colleges and Universities, CICU), די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט און נאך פארשידענע סטעיט אגענטור שותפות'ן.

**דר. גיערמאָ לינארז, פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעישען, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט GEAR UP פראגראם האט ארויסגעהאלפן צו ערמעגליכן טויזנטע ניו יארקע סטודענטן צו אנקומען צו העכערע בילדונג, און איך בין גאר באגייסטערט אז ניו יארק האט באקומען די גרענט כדי מער סטודענטן פון פלעצער פון וואו עס זענען נישטא אסאך סטודענטן זאלן קענען באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן זיך צו קענען באטייליגן אין – און מצליח זיין מיט – העכערע בילדונג. מיר מוזן פארזעצן צו אויספלאסטערן די וועג צו קאלעדזש פאר סטודענטן מיט נידעריגערע איינקונפט וועלכע פארמעסטן זיך מיט שטרויכלונגען צו באקומען א העכערע בילדונג."

**SUNY'ס צייטווייליגע טשענסעלאר, דעבארע פ. סטענלי, האט געזאגט,** "SUNY איז אויפגעשטעלט געווארן ספעציעל צו צושטעלן א צוגענגליכע בילדונג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר סטודענטן פון אלע סארטן. די געלטער וועלן העלפן ארויפבויען אויף ניו יארק סטעיט'ס לאנגיאריגע באמיאונגען צו ארויסשיקן מער מענטשן אויפן וועג צו באקומען א קאלעדזש דעגרי – אריינרעכענענדיג מיט דירעקטע פינאנציעלע הילף דורך די שכר לימוד הילף פראגראם (Tuition Assistance Program) און אזוי אויך אקאדעמישע שטיצע דורך די בילדונג געלעגנהייט פראגראם (Educational Opportunity Program). עס איז אן אינוועסטירונג אין די הצלחה פון אונזערע סטודענטן און א באווייז פון גאווערנער האקול'ס פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו מאכן העכערע בילדונג מער ברייט צו באקומען אין אנערקענונג פון די באדייטנדע פאזיטיווע ווירקונג פון א קאלעדזש דעגרי. איך באדאנק אויך אונזערע פעדעראלע שותפים פארן צושטעלן די GEAR UP געלטער וועלכע זענען דא צו באקומען פאר די וועלכע דארפן עס די מערסטע."

**CUNY טעשנסעלאר, פעליקס וו. מאַטאָוס ראדריגעז, האט געזאגט,** "דער GEAR UP פראגראם איז א וויכטיגע און נויטיגע היילונג צו העלפן אוועקנעמען שטרויכלונגען אויפן וועג צו הצלחה אין העכערע בילדונג פאר ניו יארקער וועלכע קומען פון פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט, אריינרעכענענדיג פילע טויזנטע סטודענטן וועלכע גייען צו היי-סקול אין די סיטי און האפן צו אריינגיין אין די CUNY סיסטעם. GEAR UP געלטער וועלן ארויסהעלפן א רייע פראגראמען וועלכע וועלן העלפן דערמיט פיל מער סטודענטן צו אריינגיין אין CUNY, ענדיגן זייערע דעגריס, אנהויבן ערפאלגרייכע קאריערס און פארבעסערן זייער עקאנאמישע מצב."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאו ריערדאן, האט געזאגט,** "דער GEAR UP פראגראם האט זיך אויפגעוויזן צו זיין א לעבן'ס טוישנדע מיטל פאר סטודענטן ארום די סטעיט, און איך בין גאר באגייסטערט עס צו זעהן פארזעצנדיג. די סטודענטן וועלן זיין ניו יארק'ס צוקונפטיגע ארבעטסקראפט. עס קומט זיך זיי צו באקומען א גלייכע טשאנס און יעדע געלעגנהייט צו קענען גיין אין די וועג וואס פירט זיי צו ערפאלגרייכע און פארפילנדע קאריערס."

**פרעזידענט פון די קאמיסיע איבער אומאפהענגיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, לאָולע וו. ברעבהעם, האט געזאגט,** "ניו יארק דארף זיך פארמעסטן מיט באדייטנדע בעפארשטייענדע שוועריגקייטן. די קאוויד פאנדעמיע האט איבערגעלאזט טיפע וואונדן, זעהבארע און אומזעהבארע, און עס האט אויפגעדעקט ווי וואקלדיג אונזער מענטשליכע אינפראסטרוקטור איז. צום מזל זענען ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, סיי די פובליק און סיי די פריוואטע, אין א פאזיציע צו קענען העלפן די סטעיט צו קאנפראנטירן די שוועריגקייטן. CICU און אירע מיטגלידער קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן באגרוסן די געלעגנהייט צו פארזעצן די וויכטיגע ארבעט אין א נאענטע שותפות מיט די סטעיט צו באדייטנד פארגרעסערן די צאל סטודענטן וועלכע זענען צוגעגרייט צו אריינגיין אין – און מצליח זיין אין – העכערע בילדונג. GEAR UP העלפט סטודענטן באקומען די מיטלען און שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען אויסנוצן זייערע מעגליכקייטן."

בארעכטיגטע סקולס און נאָנ-פּראפיט קערפּערשאפטן וועלכע אפּלייען און ווערן אויסדערוועהלט צו באקומען געלט פון די גרענט וועלן איינגעמאלדן ווערן איבער דעם אין יאנואר. פאר מער אינפארמאציע איבער ניו יארק'ס GEAR UP פראגראם, באזוכט https://gearup.ny.gov/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418